בס"ד

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **ויקרא - צו** תשפ"ב ◆ עלון מס': **85**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### השלך על השם יהבך

גייט זיך אן ארעמאן אין וועג. אין זיינע הענט שלעפט ער א שווערע פעקל און זיינע פיס זענען איינגעטינקען אין טיפע בלאטע. מיטאמאל שטעלט זיך אפ נעבן אים א וואגן און א איד לאדענט אים איין ער זאל ארויפקומען אויפ'ן וואגן.
דער ארעמאן שיינט אויף. ער שפרינגט ארויף אויפ'ן וואגן אבער דער פעקל וואס ער האט געשלעפט אויף זיין פלייצע האלט ער ווייטער אויף זיין רוקן.
"ר' איד, פארוואס שלעפט איר דער פעקל? איר קענט עס דאך אראפלייגן אויפ'ן וואגן!"
"עס איז מיר נישט אנגענעם. אויסנוצן האט אויך א שיעור. גענוג אז איר נעמט מיר אויפ'ן וואגן, דארפט איר שלעפן אויך מיינע פעקלעך"...?
דער באקאנטער משל פלעגט דער חפץ חיים נוצן רעדנדיג פון די אידן וואס ארבעטן זיך איבער טאג און נאכט צו מאכן השתדלות פאר פרנסה.
"די אידן ווילן נישט אויסנוצן דעם בורא כל העולמים צופיל". פלעגט דער חפץ חיים זאגן און צוגעלייגט אז זיי פארשטייען נישט אז השי"ת זארגט זיך סיווי פאר אלע זייערע הצטרכות'ער.
אין די גמרא ווערט דערציילט [ר"ה כו, מגילה יח] אז די תלמידים פון רבינו הק' האבן נישט געוואוסט דער פשט פון דער ווארט 'יהבך' פון דער פסוק השלך על השם יהבך ביז ווען דער אמורא רבה בר בר חנה איז איין טאג געגאנגען מיט אן אראבישער סוחר אין וועג. רבה בר בר חנה האט געשלעפט מיט זיך א פעקל אויף זיינע אקסלען. האט אים דער סוחר געזאגט: שקול יהביך ושדי אגמלאי - נעם דיין פעקל און ווארף עס ארויף אויף מיין קעמל, פון דא האבן חז"ל געוויסט אז דער טייטש פון 'יהבך' איז א פעקל.
דער גר"א אויפ'ן ארט געבט צו פארשטיין אז די תלמידים פון רבינו הק' האבן זיך נישט מסתפק געווען אין די פשוט'ער פשט פון דער פסוק. זיי האבן געהאט ספיקות וויפיל השתדלות א מענטש דארף מאכן. צי פאדערט זיך פון א מענטש ער זאל מאכן וויפיל ער קען און נאכדעם העלפט דער באשעפער, אדער קען זיך א מענטש פארלאזן אויף השי"ת פון די ערשטע רגע.
די תלמידים האבן זיך גע'ספק'עט ווייל אויב זאל א מענטש זיך פארלאזן אויף השי"ת פון די ערשטע רגע וואלט דער פסוק געדארפט זאגן 'השלך על השם כל צרכך', און די ספק האט מען זיי געענטפערט מיט די מעשה.
דורך די מעשה האבן זיי געזען אז ווען מען וויל פון הימל גרינגער מאכן פאר א מענטש, געשעט עס פון זיך אליין, אז מיטאמאל קומט צוגיין א סוחר און אָן וואס מען זאל אים באצאלן אדער בעטן טראגט ער זיך אָן אז ער וויל שלעפן דיין פעקל, ווייל א מענטש דארף זיך בכלל נישט פארלאזן אויף זיין שכל און זיינע מעשים און ווי דער פסוק אין משלי (ג, ה) זאגט בטח אל השם ואל בינתך אל תישען.
ווען די געהויבענע בני חברייא פון טשערנאביל זענען געווען אויף זייער וועג אהיים פון פראווענען א געהויבענער שבת ביי זייער רבי'ן איז מיט זיי אויפ'ן וואגן געווען אויך א סוחר. רעדנדיג וועגן די גרויסקייט פון דעם שבת ביים רבי'ן האט זיך דער סוחר אנגערופן אז אויך ער האט נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט מיטגעלעבט אזא שבת ביים רבי'ן.
און דער סוחר האט זיי דערציילט זיין איבערלעבעניש:
"ווען איך בין אריין צום רבי'ן מוצאי שבת האט דער רבי געוואלט הערן וויאזוי עס גייט צו מיין סדר היום. איך האב געזאגט פאר'ן רבי'ן אז כ'שטיי אויף יעדן טאג און גלייך אינדערפרי גיי איך אריין אין מארק און כ'האנדל און שפעטער, ווען די האנדלעריי ענדיגט זיך, גיי איך דאווענען אין שול.
פאר'ן רבי'ן האט נישט געפאָלן די התנהגות. א איד דארף ערשט דאווענען און נאכדעם גיין צו די ארבעט. ווען כ'האב געזאגט פאר'ן רבי'ן אז אויב אזוי וועל איך דערלייגן די פרנסה האט מיר דער רבי געזאגט מיט א משל פון א מלמד וואס האט זיך אומגעקערט אהיים נאכ'ן דינען פאר עטליכע יאר אין איין ציה אלץ מלמד.
זייענדיג אונטערוועגנס אהיים איז אים אונטערגעקומען א שבת און טראגנדיג מיט זיך אזא גרויסע סומע געלט נאך יארן אפשפארן זיין הארוואניע, האט ער געזוכט וואו צו באהאלטן די געלט. קיין צוויי ברירות האט ער נישט געהאט, ער האט עס געמוזט איבערגעבן פאר'ן בעל אכסניא ווען ער האפט אז ער וועט עס צוריקבאקומען נאך שבת.
גלייך נאך הבדלה האט דער מלמד געבעטן דער געלט און צו זיין מזל האט אים דער בעל אכסניא אפגעגעבן די געלט. דער מלמד האט אנגעהויבן ציילן די געלט און דער בעל אכסניא זעט ווי דער מלמד זוכט עפעס.
"וואס זוכט איר דארט אזוי"?
"עס איז געווען דא א קופערנע מטבע, איך וויל זען צי עס איז דא".
ווען דער רבי האט געענדיגט דערציילן די מעשה פרעגט ער מיר וואס זאג איך צו דעם איד? צי האט דער אקט פון דעם מלמד פשט? אז א איד געבט צוריק אזא סומע געלט וועט ער דען גנב'נען א קופערנע מטבע?
"אבער", האט דער רבי מיר געזאגט.
"צי זענען מיר נישט די זעלבע? טאג טעגליך זענען מיר מפקיד אונזער נשמה צום באשעפער. ער געבט עס אונז צוריק און אויך פאר אונזערע משפחה. מיר באקומען אלעס אבער מיר זענען אומרואיג! מיר מוזן לויפן און זוכן צו פארדינען אפאר גרייצער פאר'ן דאווענען. צי קען ער אונז נישט געבן די געלט"?
האט דער סוחר אויסגעפירט: אין יענער רגע האב איך זיך אונטערגענומען אז מער איז נישט דא אזא זאך. פון היינט און ווייטער גייט מען ערשט דאווענען און נאכדעם גייט מען האנדלען.
"אויב אזוי", האבן די חסידים געזאגט, "האסטו מער פארדינט פון דעם שבת ווי אונז".
[ארויסגענומען פון שיעור 55 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### אונזערע אידישע ברידער

וואו מען גייט און וואו מען שטייט רעדן מען פון איין זאך, מען רעדט פון די קריג צווישן רוסלאנד און אוקריינע.
זאגט מיר א איד די וואך, אז ער האט זיך מתבונן געווען מיט אן אידישער בליק, וואס וויל השי"ת אז מיר זאלן טון אין אזא צייט?
די מסקנא וואס דער איד האט געהאט אז אין אזא צייט וויל השי"ת מיר זאלן דאווענען פאר זיי און זאגן פרקי תהלים פאר די אידן. עס רעדט זיך דאך פון הונדערטער טויזנטער אידן, מאנכע זאגן אז דער נומער דערגרייכט צו א האלב מיליאן אידן און אידן זענען אין א סכנה. מיר ווייסן אז יעדער איד איז טייער! יעדער איד איז א נשמה פון השי"ת און דער באשעפער וויל פון אונז אז מיר זאלן עס מיטשפירן.
איך האב אריינגעטראכט אין וואס דער איד האט מיר געזאגט און כ'האב איינגעזען אז דער איד האט רעכט!
מען הערט אמאל ליידער אז א קינד פון א משפחה האט זיך אוועקגעגליטשט פון דעם ערליכן וועג. דער צער און די בזיונות איז זייער גרויס. אין שטוב איז דא נאך קינדער. וואס טוען די קינדער ווען זיי ווילן באמת שטארקן דעם טאטן וואס טוען זיי? זיי נעמען זיך צוזאם און זענען מתפלל פאר'ן ברודער.
מיט דעם שריט דעמאנסטרירן זיי פאר זייער טאטע אז מיר גלייבן אויך אז ער איז דיין קינד! ער איז אונזער ברודער און מיר האבן אים ליב! מיר שפירן מיט אים און מיר ווילן אז ער זאל צוריקקומען צו אונז, ער זאל פאראייניגן מיט אונז און די זעלבע זאך טוען מיר ווען מיר זאגן תהלים אויף אונזערע ברידער אין אוקריינע.
אין אוקריינע איז דא טויזנטער אידן! עס זענען דארט פארוואגעלט טויזנטער קינדער פון השי"ת. יעדער פון זיי איז אין א סכנה און אויף יעדער פון די אידן זאגט די תורה אז מ'דארף מחלל שבת זיין ווען ער איז אין א סכנה.
מען בעט נישט פון אונז קיין חילול שבת! מען בעט פון אונז איין זאך! מען בעט פון אונז אז מיר זאלן זיי געדענקען! אז מיר זאלן מתפלל זיין אויף זיי, אז השי"ת זאל זיי ראטעווען פון אלע צרות אין די וועלט.
אסאך פון די אידן ווייסן אפילו נישט אז זיי זענען אידן. זיי ווייסן נישט וואספארא מתנה זיי האבן. די שווערע אומשטענדן וואס זיי זענען אריבער האט געפירט דערצו אז זיי זאלן אלעס פארגעסן. זיי האבן פארגעסן זייער אפשטאם אבער דער רבוש"ע האט זיי נישט פארגעסן. זיין אהבה צו זיי איז ווי צו יעדן איד און מ'מעג פאר זייערטוועגן אויך מחלל שבת זיין, ווייל ער וויל אז זיי זאל לעבן.
דער הייליגער רבי שלמה קארלינער זי"ע פלעגט צו זאגן אז הלוואי וואלט ער געהאט די אהבת ישראל צו דער גרעסטער צדיק פון די וועלט ווי השי"ת האט ליב דער גרעסטער רשע פון די וועלט!
די אהבה וואס השי"ת האט פאר'ן כלל ישראל איז לְמַעְלָה מִן הַשֵּׂכֶל.
דער צדיק ר' צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט אין זיינע ספרים [קונטרס ספר הזכרונות מצוה ראשונה] אז פון די עיקרי אמונה וואס א איד דארף האבן איז צו גלייבן אז השי"ת איז משגיח אויף אים ווען ער איז בשפל המצב, נישט ווייניגער ווי ער איז משגיח אויף דער גרעסטער איד אין די גרעסטע מדריגה, ווייל ביי אים זענען אלע גלייך.
ביי אים זענען אלע גלייך! און וועגן דעם קען מען זיך פאָרשטעלן ווי חשוב עס איז יעדע תפילה וואס מיר בעטן פאר זיינע קינדער!
לאמיר טאקע מתפלל זיין אז השי"ת זאל משיב זיין די לב אבות על בנים און די כבוד השכינה זאל נתגלה ווערן אין די גאנצע וועלט בקרוב ובמהרה.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 ● פון אמעריקע 151-86-130-140 ● פון ענגלאנד 0-330-3900-489 ● פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 ● פון ארגענטינע 3988-4031 ● פון אוקריינע 380-947-100-633
● פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## וועמענס קינדער זענען זיי?

"איך דארף דיר האבן וויכטיג".

מיט די ווערטער האט דער מנהל פון די תלמוד תורה מיר געקלינגען. עס איז שוין געווען טיף אינמיטן זמן. יעצט איז נישט קיין צייט ווען מען זוכט נייע מלמדים. וואס האט פאסירט אז דער מנהל זוכט זיך אזוי וויכטיג און בעט זיך ביי מיר אז כ'זאל קומען ווערן מלמד אין חדר.

"עס איז געווען דא א מלמד". הייבט דער מנהל אן צו שילדערן און דערציילט מיר אז דער מלמד האט זיך נישט קיין עצה געגעבן מיט די קינדער און האט זיי איבערגעלאזט ווען ער בעט זיך ביי מיר אז איך זאל יא ווערן זייער מלמד.

איך האב אנגענומען דער דזשאב. מיט א פרישקייט בין איך אריין דעם קומענדיגן טאג אין חדר. איך קום אריין און נאך א שעה צייט האב איך פארשטאנען און געגעבן גערעכט פאר דער פריערדיגער מלמד.

די חברה זענען געווען אין די כלים און איך האב זיי בשום אופן נישט געקענט באהערשן. איך האב באשלאסן אז כ'גיי נאכטון דעם ערשטן מלמד און כ'גיי זיך אויך אפזאגן.

א רגע איידער איך האב עס געטון איז מיר בייגעפאלן א מורא'דיגער געדאנק. איך האב זיך אליין געפרעגט וועמענס קינדער זענען זיי? זיי זענען דאך קינדער פון השי"ת, לאמיר בעטן השי"ת ער זאל זיך מרחם זיין אויף זיי און אויף מיר אז איך זאל טרעפן א וועג וויאזוי צו רעדן מיט זיי.

דער טאג האט זיך געענדיגט און כ'האב מתפלל געווען אויף זיי. נאכ'ן מתפלל זיין בין איך געווארן רואיגער. איך האב געשפירט א דערלייכטערונג און זיך געגרייט מארגן אויף א פרישער טאג.

איך קום אן צומארגענס אין חדר און מען הייבט אן צו לערנען. די געמיטער ווערן לעבעדיג אבער מיטאמאל האב איך זיך דערמאנט פון א מעשה וואס איז נוגע צו די לימודים. מיט א געשמאק האב איך עס אנגעהויבן דערציילן, און וואונדער, די קינדער זענען געווארן שטיל און שפאנענד, א שטילקייט האט געהערשט אין די כיתה.

ביי מיר האב איך געוואוסט אז עס איז נישט די מעשה, עס איז די רבוש"ע. ער טוט עס און ער פירט עס אזוי, איך האב געדאנקט השי"ת און געבעטן אויף ווייטער און ברוך השם עס האט ממשיך געווען ווייטער.

ווען דער מנהל האט געוואלט הערן וויאזוי איך האב עס באוויזן האב איך אים געזאגט אז עס איז נישט מיר! עס איז דער רבוש"ע נאר מיט זיין כח האב איך מצליח געווען.

## פלאי פלאות

מיט עטליכע וואכן צוריק האב איך גערעדט מיט מיינער א חבר. דער איד איז געווען זייער צובראכן ביי זיך. ער האט א נעפיו וואס איז ליידער אראפ פון דעם גלייכן וועג און עס שטערט אים זייער שטארק.

איך האב געזאגט פאר דעם איד אז איך הער אויס אסאך די שיעורים פון הרב ר' יהודה מאנדעל און ער איז אלעמאל פארנומען צו רעדן אז מען דארף קוקן גוט אויף א איד.

"איך זאג דיר קוק אים אן מיט א גוטער אויג און דאס אליין וועט ממשיך זיין א ישועה פאר אים".

"קוקן מיט א גוטער אויג. אויף וואס? איך זעה נישט ביי אים קיין שום גוטער זאך! ער איז אזוי און אזוי....".

"ווייסטו וואס?". האב איך געזאגט פאר דעם איד.

"געב מיר זיין נאמען. איך וועל דאווענען פאר אים".

ער האט מיר געגעבן זיין נאמען און כ'האב אנגעהויבן דאווענען פאר אים. איך האב געבעטן ער זאל תשובה טון און מלמד זכות געווען אויף אים זאגנדיג אז ער איז זיכער א בעל כשרון. אז ער האט אזעלכע נסיונות מוז זיין אז ער האט א גרויסע נשמה. כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו! און געבעטן אז השי"ת זאל

## באקוועמער און נענטער

פאר א שטיק צייט האט מיין ווייב באקומען א פיינער דזשאב אין א שולע. די ארבעט איז געווען זייער ווייט אוועק פון שטוב. אנצוקומען צו די ארבעט האט זי זיך געדארפט שלעפן אויף די אנגעלייגטע גאסן א שעה צייט אהין און א שעה צייט צוריק. מיט דעם אלעם האט זי עס אנגענומען מיט ליבשאפט פארקוקנדיג אויף די זייטיגע זאכן ווייל דער ארבעט אליין איז געווען זייער געשמאק.

עס איז נאר געווען איין פראבלעם מיט די ארבעט, עס איז געווען א צייטווייליגער ארבעט. ווען די צייט צו ענדיגן די ארבעט האט זיך געענדיגט, האט מען זיך באדאנקט פאר איר און אויסגעלויבט איר ארבעט.

די מנהלת האט איר געהאלטן אין איין אויסרימען און פון איר ווערטער האט מען געקענט פארשטיין אז זי האט פאר איר א גרייטע ארבעט אויף מארגן.

מיין פרוי איז געווען אויסערזיך פאר שמחה. ס'הייסט אז זי האט שוין מארגן א נייער דזשאב און מארגן אינדערפרי איז זי אויפגעשטאנען מיט איין שמחה און האט זיך ארויסגעלאזט צו די ארבעט פארנדיג א שעה צייט אנצוקומען צו די נייע ארבעט.

זי קומט אן אין שולע און דער מנהלת קוקט איר אן פארוואונדערט. זי פארשטייט נישט וואס טוט זי דא.

"ס'הייסט דו האסט מיר געזאגט אז כ'זאל קומען ווייל דו האסט פאר מיר א דזשאב.....".

אבער די מנהלת האט נישט פארשטאנען וויאזוי זי עס האט געקענט פאסירן אזא מיספארשטענדעניש. זי האט זיך געשפירט שלעכט און פאר מיין ווייב איז אויך געווארן ביטער אויפ'ן הארצן. זי האט נישט געקענט פארשטיין וויאזוי זי האט נישט פארשטאנען און מיט ליידיגע הענט האט זי זיך אומגעקערט אהיים, די וועג האט נאכאמאל געדויערט א שעה, אויפ'ן וועג האט זי איבערגעטראכט יעדער דעטאל, עס איז איר געווען אומפארשטענדליך און זי האט עס גענומען זייער שווער.

ווען בין איך אהיימגעקומען אין שטוב האב איך באגעגנט מיין פרוי נידערגעשלאגן. איך האב איר פארשטאנען און מיטגעפילט מיט איר צער אבער א רגע איידער איך האב זיך געוואלט אנשליסן אין איר צער, האב איך זיך געגעבן א שטעל אפ און געזאגט פאר מיר, אז איך האלט זיך אין איין מחזק זיין מיט די השגחה פרטית גליונות און פון אויסהערן די שיעורים און דערפרישענדע מעשיות אויף די האטליניע און יעצט איז געקומען די צייט איך זאל זיי נוצן.

"עס איז א נסיון! פון הימל פראבירט מען אונז אויס", האב איך געזאגט אין שטוב און זיך גענומען רעדן איבער דעם אז פרנסה קומט פון השי"ת און נישט די מנהלת געבט פרנסה, אז קיין איינער קען אונז נישט צונעמען וואס עס קומט זיך אונז און די ווערטער האבן געווירקט.

אין יענעם טאג האב איך געהערט א חיזוק שמועס אין די נושא פון ברכת המזון און ארויפגעבערענגט אויפ'ן טיש א געדאנק אז מיר גייען זיך אינאיינעם מחזק זיין אין די נושא פון ברכת המזון. מען האט זיך אינאיינעם געשטארקט און עס גייט נישט אריבער קיין צוויי טעג און מען קלינגט אריין אין שטוב.

"מען קען אפשר רעדן מיט מיסעס.....".

אויפ'ן צווייטן זייט האט גערעדט א מנהלת פון א צווייטער שולע. זי האט דערציילט וויאזוי זי האט געהערט רעדן איבער איר און וואספארא גוטע לערערין זי איז און געפרעגט צי זי וויל קומען ארבעטן אין אירע שולע?

די נייע ארבעט איז איבערגעשטיגן די ערשטע מיט אלעס און בעיקר אז עס איז געווען נעבן שטוב, מען האט נישט געדארפט פאברענען קיין שעה'ן אויף די וועגן.

איך האב געדאנקט השי"ת אויף די חסד אבער נאכמער אז איך האב געקענט עומד זיין אין די נסיון פון אמונה און כ'בין נישט געווארן פארלוירן פון די געשעעניש.

## באקומען מיט א גוטע אויג

דערציילט א איד פון בית שמש:

הערנדיג די שיעורים אין זוה"ק אז ווער עס מאכט ברכות בשמחה און מיט אן עין טוב איז זוכה צו א ברכה פון השי"ת האב איך זיך געמאכט א חשבון אז וואס דארף דען א איד מער ווי דעם.

איך האב זיך אויך מתבונן געווען אז ווען מען טראכט אריין זעט מען א מורא'דיגער זאך. מען זעט אז מען בענטשט נאכדעם וואס מען האט שוין געגעסן און מען איז שוין זאט און נישט גענוג אז מיר וואלטן ווען געדארפט זאגן יישר כח דערויף ווערן מיר געבענטשט ווען מיר זאגן יישר כח פאר השי"ת.

עס לוינט זיך צו געבן א וואש און בענטשן נאר כדי צו זוכה זיין אין די ברכה.
איך האב צוזאמענגענומען אלע מיינע פאמיליע מיטגלידער און זיי דערציילט וואס איך האב היינט געהערט ביי דער שיעור פון ר׳ דוד און אינאיינעם האבן מיר באשלאסן אז מיר גייען זיך מחזק זיין אין דעם נושא.
יעדע מאל, איידער מען האט זיך געגרייט צו בענטשן, האב איך געזאגט פאר די משפחה, אז אט גייען מיר דאנקען השי״ת פאר די פיינע סעודה, לאמיר בענטשן בשמחה און מיט אן עין טובה.
עס איז אריבער עטליכע וואכן זינט מיר האבן אנגעהויבן די קבלה און מען קלינגט אונז אריין אז מיר האבן זוכה געווען צו א דירה פון די ׳מחיר למשתכן׳ פראגראם דהיינו אז עס איז סובסידירט פון די רעגירונג און קאסט אסאך ווייניגער ווי עס קאסט נארמאל.
מיר זענען געווען שאקירט. מען האט שוין געמאכט דער גורל מיט צוויי יאר צוריק און דעמאלטס איז געווען קלאר אז מיר האבן נישט געווינען. מיר האבן שוין אפילו פארגעסן פון דעם און וויאזוי קען זיין אז מיר האבן יעצט יא געווינען.
איך האב עס געפרעגט פון די באהערדע, און דער ענטפער איז געווען אז בשעתו האבן מיר טאקע דערלייגט, אבער לעצטענס האט דער פריערדיגער געווינער מבטל געווען זיין געווינס און מען האט איבערגעמאכט דער גורל און מיר זענען ארויס די געווינער.
דער אמת איז אז דער געווינס איז דאפלט. אויסער דער פאקט אז די דירה איז ביליגער ווי די געווענליכע מיט דרייסיג פראצענט איז עס אויך דער פאקט אז מען רעדט דא פון א גורל וואס מען האט געמאכט צוויי יאר צוריק און דעמאלטס זענען די דירות געווען באדייטפולער ביליגער זייענדיג נאך פאר׳ן אויפבוי.
קוקנדיג אין לוח האב איך געהאט א געלעגענהייט זיך איבערצוצייגן ווי חשוב דער בענטשן איז אין הימל ווייל דער געווינס איז אויסגעקומען פונקט איין און פערציג טעג נאכדעם וואס מיר האבן זיך מקבל געווען צו בענטשן מיט שמחה און מיט אן עין טובה.

## אויף דיר שטייט די וועלט

ווען מען קומט אן קיין מירון און מען טרעפט דארט גרייטע טישן און שיינע סטענדערס קען מען אמאל פארגעסן אז עס איז דא איינער וואס זארגט זיך עס אוועקצושטעלן דארט.
די אידן וואס געבן זיך אפ מיט די פעולות בקודש זענען דארט ארום די זייגער. זיי קוקן נאך די זאך און ווען עפעס צוברעכט זיך זענען זיי דארטן עס צו פאררעכטען און ווען מען דארף עפעס טוישן זענען זיי דער אדרעס.
ביי דער לעצטער פאל ווען מען האט געדארפט טוישן די מעבל האט זיך א שליח פון איינער פון די גדולי ישראל געווענדן צו דער גבאי און אים געבעטן אז דאסמאל ווען מען גייט טוישן די מעבל זאל מען אריינלייגן אין מירון גרויסע סטענדערס, גענוג גרויס אז מען זאל קענען אויף זיי אוועקלייגן א גמרא און א רשב״א אז א איד וואס קומט אהין זאל האבן די פריוועלעגיע צו קענען לערנען דארט מיט ישוב הדעת.
דער גבאי האט נישט געקענט פארשטיין די בקשה.
״זאג נאר, פארוואס קומען מענטשן קיין מירון? מען קומט אהער לערנען אדער דאווענען? קוק זיך ארום אין די מערה, וועסט זען ווי יעדער דאוונט אזוי הארציג״.
דער שליח האט זיך געגעבן א קוק ארום און ער האט געמוזט מודה זיין אז אלע אידן וואס געפונען זיך אין היכל זאגן תהלים אבער אינדערזייט האט ער באמערקט ווי א בחור זיצט און לערנט.
״געב א קוק, דארט איז דא א בחור, ער זיצט און לערנט״.
״און וועגן איין בחור דארף מען לייגן דא גרויסע סטענדערס״? האט דער גבאי געוואלט פארשטיין.
״ער איז נישט איין בחור. די וועלט שטייט אויף אים״.
וואס איז געווארן צום סוף? דארף מען כאפן א בליק אין מירון, אבער די אינטערעסאנטע חלק פון די מעשה געהער דווקא צו דער בחור.
דער בחור וואס איז געזעסן און געלערנט ביים סטענדער האט מיטגעהאלטן דער ווערטער אויסטויש און הערנדיג ווי מען רעדט פון די געוואלדיגע מעלה פון אן עוסק בתורה האט ער מיטגעטיילט מיט׳ן שליח א שטארקע נקודה.
״וויסן זאלסטו אז לעצטענס איז מיר זייער שווער דער לערנען אין די ישיבה. עס גייט מיר פשוט נישט דאס לערנען. איך האב שוין כמעט באשלאסן אז איך גיי זיך זוכן עפעס בעסער. איך האב זיך גע׳ספק׳עט און באשלאסן אז כ׳פאר קיין מירון. איך בין געזעסן דא און אזוי זיצנדיג האב איך באשלאסן אז כ׳גיי פראבירן נאכאמאל צו לערנען. איך האב געעפענט א גמרא און זיך געזעצט לערנען און איך האב נאר אנגעהויבן און כ׳הער ווי א איד זאגט אויף מיר אז די וועלט שטייט אויף מיר, א לומד תורה, איך האב קיינמאל נישט געוואוסט אז כ׳בין אזוי חשוב...״.
דער מעשה האט נאך א המשך. א יאר איז אריבער פון די מעשה און פורים האבן זיך די צוויי אידן נאכאמאל באגעגענט, אין דעם טאג ווען כלל ישראל האט מקבל געווען די תורה מרצון.
דער בחור האט געזאגט פאר יענעם איד:
״אז איך לערן היינט אין א ישיבה, איז עס דיין זכות״.

אים העלפן אז די אור פון זיין נשמה זאל אנהייבן לייכטן.
א לענגערע צייט האב איך מלמד זכות געווען אויף אים. איך האב געזאגט אז כ׳קען אים טאקע נישט אז כ׳גלייב אין זיין הייליגע נשמה.
עס איז אריבער פון מיינע תפילות פינף טעג און מיין חבר קלינגט מיר אן און דערציילט מיר איבער א וואונדער אז זיין נעפיו האט אים אריינגערופן און געבעטן אז ער וויל לערנען.
״איך מוז מודה זיין אז טראכטן אויף א צווייטן אין א פאזיטיווער וועג איז א געוואלדיגער כח, עס קען טוישן דער מענטש מקצה אל הקצה״.

## דער כח פון זיין ב׳לח״ש

גייענדיג אויפ׳ן וועג צו תפילת מנחה ערב שבת באגעגען איך זיך מיט מיין שכן.
מיין שכן, מיינער א גוטער ידיד, שיינט פון שמחה.
״עס קומט זיך מיר א מזל טוב. מיין טאכטער איז געווארן א כלה״.
איך בין געווארן זייער פרייליך. זיין טאכטער איז נישט געווען קיין יונגע און ברוך השם אז זי איז א כלה געווארן.
ווען כ׳בין אהיימגעקומען אין שטוב און דערציילט פאר מיינע קינדער אין שטוב די גוטע בשורה האבן זיי מיר געוואוסט צו זאגן אן אינטערעסאנטע מעשה.
ביים שכן אין שטוב איז דא דריי טעכטער אין די רייע. די ערשטע הייסט לאה, די צווייטע הייסט חנה, די דריטע הייסט שרה. אינאיינעם מאכט עס די ווערטער ׳לח״ש׳. די קינדער אין שטוב האבן געזען א רמז דערצו אז מען דארף זיין שטיל און זיך מקבל געווען אויף זיך אז זיי גייען נישט רעדן אין גאס אויף א סעליולער טעלעפאן ווייל עס איז נישט קיין צניעות צו רעדן הויעך אין גאס.
עס האט נישט געדויערט לאנג. בלויז איין און א האלב חודש און אלע דריי זענען געווארן כלה׳ס לויט די ראשי תיבות, ערשט לאה, נאכדעם חנה און צום לעצט שרה.
הודו להשם כי טוב.

## א ׳קים ליה בדרביה מיניה׳ פון הימל

מיט אביסל מער ווי זעכציג יאר צוריק איז מיין זיידע ארויפגעקומען פון איראן און זיך באזעצט אין ארץ ישראל. מיט מיין זיידע איז מיטגעקומען זיין זיידע און ווי נאר ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל האט דער עלטער זיידע זייער געוואלט אז מיין הייניגער זיידע זאל גיין לערנען אין א ישיבה.
דער פראבלעם איז געווען אז מיין זיידע האט נישט געקענט לערנען. ער האט קוים געקענט אלף בית און דאווענען פון א סידור און וועלכער ישיבה וועט אים אננעמען אזוי? אבער מיין עלטער זיידע איז געווען אן עקשן. ער איז אריבער פון איין ישיבה צו די צווייטע. אלע האבן אים ערשט געוואלט פארהערן און זעענדיג אז ער קען גארנישט האבן זיי אים נישט געקענט אננעמען אין די ישיבה.
אבער דער עלטער זיידע האט זיך נישט געהאלטן ביים מייאש זיין. איין טאג זענען זיי געגאנגען אין א ישיבה און דער ראש הישיבה פרעגט פאר מיין זיידע צי ער ווייסט וואס עס מיינט ׳קים ליה בדרבה מיניה׳. א רגע איידער דער עלטער זיידע האט זיך געוואלט באגראבן פאר בושה האט ער אנגעהויבן זאגן און ערקלערן בטוב טעם ודעת וואס דאס מיינט. דער ראש הישיבה איז געווארן אזוי ערשטוינט פון די תשובה אז ער האט אים גלייך אנגענומען אין די ישיבה.
ווען דער שמועס האט זיך געענדיגט האט דער עלטער זיידע א פרעג געגעבן פון דעם זיידן ווי אזוי האסטו עס געוואוסט? האט ער דערציילט אז א טאג פריער בין איך אריין אין שול פאר מנחה און אזוי ווארטנדיג אויף מנחה האט איך אויסגעהערט א שיעור.
דער מגיד שיעור האט פונקט געהאלטן ביי די סוגיא און ערקלערט מיט א געשמאק וואס עס מיינט קים ליה בדרביה מיניה. איך האב עס אויסגעהערט און עס איינגע׳חזר׳ט און געוואוסט איבערצוזאגן.
און פון דער השגחה פרטית איז ארויסגעקומען אז מיין זיידע איז שפעטער געוואקסן א תלמיד חכם און אויפגעשטעלט א ישיבה׳ישע דור.
די מעשה האט אונז אויסגעלערנט אז פון הימל פארלאזט מען קיין איינעם נישט און ווען מ׳מיינט עס אמת׳דיג קומט די ישועה אויף א וואונדערליכער וועג.

# צוהערער פרעגן
שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**א איד וואס האט פרנסה בריווח אבער ער טראכט אז ער וויל זיך אפשפארן געלט אין א זייט אז ער זאל האבן געלט חתונה צו מאכן זיינע קינדער בהרחבה און אז ער זאל קענען האבן די איבריגע געלטער דארף ער ארבעטן מער שעה אין טאג צי איז דא אין אזא פירונג א פגם אין די אמונה אדער אין בטחון?**

שאלה נומער 37 — נ.ב. ירושלים

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### א איד דארף נישט דאגה'נען אויף דער עתיד

**הרב יוסף נפתלי לייפער פון בית שמש:** איך האב געהערט פון הגה"ח ר' אליעזר דוד פרידמאן זצוק"ל אז א איד דארף זיך נישט זארגן און אנגרייטן געלט אויף חתונה מאכן די קינדער.

**הרב נחמן גאלדבערג פון ירושלים:** אין חובת הלבבות שער הבטחון פרק שישי ברענגט דער בעל חובת הלבבות אראפ אז א חסיד האט אמאל געפרעגט פון מענטשן צי מען וועט האבן א טענה אויף מענטשן אז זיי האבן נישט מקיים געווען זאכן וואס זענען נוגע צום מארגן? דער חסיד געענטפערט: זיכער אז נישט, א מענטש איז נישט מחוייב צו ארבעטן אויף מארגן, ווייל ווער ווייסט צי ער וועט בכלל דערלעבן דער מארגן. פון דעם זעען מיר אז א מענטש איז נישט מחוייב צו טון השתדלות אויף א זאך וואס איז נאכנישט דא, און די זעלבע איז דא אויך.

### הרואה את הנולד

**הרב דוד בנימין זוסמאן פון ירושלים:** אין די גמרא נדה (סה.) ברענגט דער גמרא אראפ דער מאמר חז"ל אז "כיון שנתקו שניו של אדם נתמעטו מזונותיו" דהיינו אז ווען עס פאלן ארויס די ציינער פון א מענטש ווערן זיינע מזונות ווייניגער. דער מהרש"א אויפ'ן ארט געבט צו פארשטיין וואס די חכמים האבן אונז געלאזט הערן מיט דעם מאמר חז"ל ווייל עס ליגט א פליכט אויף א מענטש ער זאל זיך אוועקלייגן געלט אין א זייט פאר די עלטערע יארן ווען ער וועט שוין נישט קענען ארבעטן און פון דעם זעט מען אז א מענטש האט יא א פליכט זיך צו זארגן פאר'ן עתיד און מאכן השתדלות אויף א זאך וואס גייט קומען.

**הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** עס האט מיר געזאגט איינער פון די אייניקלעך פון הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל בשם זיין זיידע אז די הוצאות וואס א מענטש האט ווען ער מאכט חתונה א קינד זענען איבערנאטורליך און וועגן דעם פאדערט זיך פון א מענטש צו שפארן געלט פון נאך די חתונה אויף חתונה מאכן די קינדער, אזויפיל וויפיל ער קען און נישט מער ווי דעם. בנוגע די שאלה דארף דער שואל וויסן און קענען אפוועגן צי די השתדלות וואס ער וויל טון איז אין גדר וואס ער קען טון ווייל מער ווי ער קען איז ער נישט מחוייב.

**הרב מענדל שטראוס פון בני ברק, הרב דוד לייפער פון ירושלים:** א איד דארף שטענדיג אפטיילן צווישן די השתדלות און די תוצאה, ווייל זיי זענען צוויי עקסטערע זאכן, איינער האט נישט מיט דעם אנדערן און די זעלבע איז דא אויך, מען זאל מאכן די געוועגליכע השתדלות און השי"ת וועט שוין העלפן.

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** מען ווייסט אז צדיקים האבן נישט געמאכט קיין השתדלות פאר פרנסה מער ווי זיי האבן געדארפט האבן אויפ'ן טאג אבער מען דארף וויסן אז דאס איז א מדריגה. ווער עס האלט שוין דארט איז גוט, אבער ווער עס איז נאכנישט דארט, דארף וויסן וואס ער האט צו טון. אין פאל אז ער שפירט אז ער דארף יא מאכן השתדלות זאל ער עס מאכן אויף א נארמאלער וועג, דהיינו זיך נישט איבעררייסן און עס זאל נישט זיין אויפ'ן חשבון פון די שטוב און פון די קביעות עיתים לתורה און אויך נישט אויף זיין מנוחת הנפש.

**הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק:** חז"ל זאגן שוין איזה חכם הרואה את הנולד. עס איז גוט אז מען רעכנט זיך אויס אז מען זאל נישט ארייגפאלן אין חובות אבער אין דער זעלבער צייט דארף מען אויך זארגן אויף די נשמה און זיך אנגרייטן מזון פאר די נשמה בשפע רב.

**הרב יצחק שטערנפעלד פון אלעד:** מען טרעפט נישט אז השתדלות אויף לעתיד איז נישט א גוטער זאך. זיכער מעג מען זיך משתדל זיין אויף לעתיד, אבער מ'טאר נישט פארגעסן אז די השתדלות זאל זיין לשם השתדלות, ווייל די תוצאה ליגט ביד השם.

**הרב שמעון ראטמאן פון בית שמש:** בשם איינער פון די גדולי ישראל האב איך געהערט אז אויף הוצאות וואס קומען אונטער קען מען מאכן השתדלות אויף להבא.

### יפה שעה אחת

**הרב יוסף דושינסקיא פון חיפה, הרב שלום סופר פון בני ברק:** די שאלה איז לגבי צולייגן שעות צו די ארבעט. די שאלה איז אויף וועלכער חשבון קומט די שעות דהיינו אויפ'ן חשבון פון לערנען אדער דאווענען אדער שלאף. יעדער דארף זיך מאכן א שטיקל חשבון הנפש וואס וואלט ער געטון אין די ליידיגע צייט.

## שאלה פאר גליון 87

ווען א איד האט א דורכפאל אין א זאך וואס ער דארף זיך שטארקן צי קען מען זאגן דערויף אז עס איז באשערט צי נישט? למשל ווען איך וויל אויפשטיין פארטאגס און איך האב נישט געקענט עומד זיין בנסיון, צי קומט אריין צו זאגן אז עס איז מן השמים צי דארף זיך א מענטש מתגבר זיין אויף דעם?

ש.א. ירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת שמיני. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעבאלג שליט"א

## מען זאל אלעמאל זען נאר גוטס

אין דעם חודש געפאלט אויס דער יארצייט פון הרה"ק ר' אלימלך מליזענסק זי"ע.

אין די תפילה וואס ער האט מחבר געווען שרייבט דער הייליגער צדיק די ווערטער 'תן בלבנו שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם'.

דער פשוט'ער פשט פון דעם גייט ארויף אויף בין אדם לחבירו אבער איך האב אמאל געהערט א שמועס פון דער משפיע הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל האט ער געזאגט אז עס פאדערט זיך פון אונז אז מיר זאלן אויך דן זיין לכף זכות דעם באשעפער.

דער באשעפער ווערט אויך אנגערופן 'רעך' על שם דער פסוק אין משלי [כז, י] רעך ורע אביך אל תעזוב.

אין יעדע זאך וואס עס געשעט פאר א איד זאל ער דן זיין השי"ת לכף זכות, אפילו אז ער פארשטייט נישט פארוואס און פארוועג השי"ת האט אזוי געטון, דארף א איד וויסן אז אלעס וואס השי"ת טוט איז מיט א גענויער חשבון.

דער אננעמען אלעס באהבה און דן זיין השי"ת לכף זכות איז א באקאנטע עצה פאר המתקת דינים. אין אלע חסידי'ישע ספרים איז באקאנט דער געדאנק אז ווען מען נעמט אלעס אן באהבה איז מען ממתיק דער דין בשורשה.

דער הייליגער חתם סופר געבט צו פארשטיין דער פסוק וראית את אחורי ופני לא ראית [שמות לג, כג] אז אלעמאל זעט מען דער גוטס פון די זאך נאר שפעטער אבער בשעת מעשה זעט מען עס נישט, דאס טייטש איז וראית את אחורי - מען זעט נאר שפעטער אבער - ופני לא יראו, בשעת מעשה זעט מען נישט.

בשעת מעשה איז אלעס פינסטער. מען זעט נישט און מען פארשטייט נישט, אבער מען דארף גלייבן אז אלעס איז גוט.

ביים חתם סופר זי"ע ווערט דערציילט א מעשה וויאזוי ביי אים אליין האט מען נאך יארן שפעטער געזען די השגחה עליונה וויאזוי עס האט זיך געפירט אז מען האט אנגעגרייט א הצלה פאר אים אין די יונגע יארן.

די מעשה האט זיך אנגעהויבן ווען דער חתם סופר זי"ע איז געווען א יונגער בחור און האט געלערנט אין די ישיבה אין מיינץ. אין יענער צייט האט זיך צוגעטשעפעט צו אים א גוי'אישער סאלדאט וועלכער איז אויך איינגעשטאנען אין דער זעלבער קווארטיר. דער סאלדאט איז זייער באיינדרוקט געווארן פון די קלוגשאפט פון דעם חתם סופר און האט זיך אנגעטראגן פאר אים אז ער וועט אים וואשן די וועש אין אויסטויש פון רעדן מיט אים.

דער חתם סופר האט נישט געהאט קיין צוויי ברירות. קעגן זיין ווילן האט ער אנגענומען דער אנבאט און געמוזט ענטפערן די שאלות פון דעם גוי'אישן סאלדאט.

יארן זענען אריבערגעלאפן פון דעם יעניגער געשעעניש. דער חתם סופר האט פארגעסן די מעשה און אין יענער צייט האט אויסגעבראכן א קריג אין זיין געגענט און צוליב א דין תורה וועלכער איז פארגעקומען ביים הייליגן חתם סופר זי"ע איז זיין לעבן געווען אין א גרויסע סכנה, מען האט אים געשטעלט פאר א קריגס טריבונאל און עס האט אים געדראאעט די ערגסטע רח"ל.

דער חתם סופר האט זיך געשטעלט פאר'ן געריכט און מיטאמאל קומט צוגיין א גענעראל פון די ארמיי.

דער חתם סופר האט נישט דערקענט דעם גענעראל אבער דער גענעראל האט אים יא דערקענט, עס איז געווען דער זעלבער גוי וואס איז דעמאלטס געווען באפריינדעט מיט אים און דער גענעראל האט עדות געזאגט אז ער איז אן ערליכער מאן און אדאנק דעם האט מען באפרייעט דער חתם סופר פון די קלאגע.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז שוין יארן פריער האט מען אנגעגרייט די הצלה פאר'ן הייליגן חתם סופר זי"ע.

און דער יסוד דארף מען אייביג געדענקען אז נישט אלעס פארשטייט מען גלייך אבער די המתקה ווערט אז מען איז דן לכף זכות, אז מען גלייבט אז אלעס איז לטובה.

**די שיעורים פון הרב שנעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העבעראיש אין נומער 2 < 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקומער

איך הייס דוד און כ'וויל זיך פערזענליך באדאנקען פאר די האטליניע און די גליונות. עס געט מיר אזויפיל חיזוק. ווען כ'טראכט אריין וואס איז אזוי ספעציעל פון דעם טראכט זעה איך אז עס איז איין נקודה. אסאך מאל ווען מען רעדט פון אמונה האט מען דער געפיל אז עס שטייט אין די ספרים אבער דא איז עס א לעבעדיגער זאך. אידן דערציילן פון זייער אייגענער לעבן און דאס איז מיר מורא'דיג מחזק. איך גיי יעצט אריבער א דירה און כ'האב אסאך חובות און מוטשעניש אבער וואס עס שטארקט מיר איז די נקודה. איך זעה נאך א מעשה פון אמונה, נאכאמאל השגחה פרטית און נאכאמאל, עס איז מחזק דער געפיל אז מיר זענען נישט אליין אויף די וועלט, אז אלעס פירט זיך פון אויבן.

### מצד די געבער

איך הייס יהודה. די מעשה וואס איז ערשינען אין די לעצטער גליון מיט דער איד וואס האט אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל האט מיר מורא'דיג מחזק געווען. ווען כ'האב עס געליינט האב איך געהאלטן אינמיטן א שידוך און כ'האב זיך אונטערגענומען נישט צו רעדן ביים דאווענען ובנוסף תורם צו זיין 50 גליונות פאר די שולן און ברוך השם איך גיי יעצט שליסן די שידוך און כ'וויל דא מקיים זיין מיין הבטחה.


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוהה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער צ"ל פון דעם גליון איז מקדש צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה